# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וישב, מברכים חודש טבת, כ"ג כסליו, שנת תשפ"ו לפ"ק

שנה 15, גליון 11 (729)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:11
מוצאי שבת קודש............5:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................משלי כ"ה
בבלי.........................זבחים צ'
ירושלמי....................נזיר ט'
תוספתא....................טהרות ה'
רמב"ם......................עדות ד'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ**, דִי וַוייבּ פוּן פוֹטִיפַר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט יוֹסֵף בַּיי זַיין קְלֵייד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק') טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק אַז דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פַארְנוּמֶען, עֶר זָאל דַארְפְן שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער, אוּן מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט מִיט יוֹסֵף הַצַּדִיק, נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי דֶער ס"מ כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער, וֶוער עֶס אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער, וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "**וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה**", יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִין דֶעם, זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז גֶעלִיגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז דָא אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אֲפִילוּ עֶר זָאל פַארְלִירְן גֶעלְט זָאל עֶר נָאכְלֶעץ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן. אַוַדַאי אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טִרְדוֹת, זָאגְט דֶער רֶבִּי "**וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ**" - אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיינֶע קְלֵיידֶער, אִיךְ לָאז אִיבֶּער מַיין פַּרְנָסָה, "**וַיָּנָס**" - אוּן אִיךְ לוֹיף אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פִיל מָאל אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אַז דָאס גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דָאס בְּרֶענְגְט גָאר אַרָאפּ דָאס שֶׁפַע פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן - גֶעלְט", פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, וֶוער עֶס אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן, מִנְחָה מִיט מִנְיָן, אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, אִיךְ לָאז אָפּ אַלֶע מַיינֶע טִרְדוֹת אוּן אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען מַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים, יֶעדְן טָאג לֶערְן אִיךְ אַבִּיסְל חוּמָשׁ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלוֹת, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, מִשְׁנַיוֹת טוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מִשְׁנַיוֹת אִיז דִי עֵצָה פַאר אֵיינֶעם וָואס זַיין מֹחַ אִיז מְבֻלְבָּל, זַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט גֶעזֶעצְט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל, דִי קָאפּ פָארְט אִים אַרוּם, עֶר הַאלְט אִין אֵיין טְרַאכְטְן אַז פַאר יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִין מֹחַ.

אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט'ן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וֶועט עֶס אִים דָאס טוֹישְׁן אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן, זַיין מֹחַ וֶועט וֶוערְן קְלָאר אוּן לוֹיטֶער, אוּן עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה

מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי

<<<<<<

## א גוט ווארט

וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן דִי מְהַדְּרִין, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל פַאר זִיךְ צִינְדְן בַּאזוּנְדֶער יֶעדֶע נַאכְט פוּן דִי אַכְט טֶעג חֲנוּכָּה אַ לֶעכְטְל?

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי זָאגְן, עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִיסִים אִין יֶעדְן דוֹר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער בִּפְרָטִיוּת מִיט אִים – שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט אַז עֶס הָאט מִיט אִים אַ שַׁייְכוּת, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן דִי צַדִיקִים זֶענֶען נִישְׁט פַאר אִים, כְּאִילוּ עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות, דֶערִיבֶּער צִינְדְט מֶען כְּשִׁיטַת הַמְּהַדְּרִין, נֵר לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל וִויסְן אַז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שַׁייְכוּת, אוּן אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט עֶס נָאכְנִישְׁט, עֶס אִיז בִּבְחִינַת "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק", עֶס אִיז נָאךְ פוּן דֶערְוַוייטְנְס, דָאךְ הָאט עֶס שַׁייְכוּת מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אוּן דִי מְהַדְּרִין מִן הַמְּהַדְּרִין לֵייגְן צוּ אַ לֶעכְט יֶעדֶע נַאכְט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדְן טָאג וֶוערְט מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג, אוּן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג – וֶוערְט נָאךְ מֶער לִיכְטִיג. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: שבת קודש פארטאגס 22 מינוט און 10 חלקים נאך 2 | ראש חודש טבת יהיה ביום השבת קודש ולמחרתו ביום הראשון

# אַ לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה

## לְשֵׁם יִחוּד

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לֶעכְטְל, זֶע צוּ צִינְדְן אִין צַייט, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג זִיךְ אָנְטוּן שְׁטְרַיימְל מִיט בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט דִי הֶענְט אוּן מֶען זָאגְט דִי "לְשֵׁם יִחוּד", מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּזְכוּת וָואס מֶען צִינְדְט דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט– "תְּחַכְּמֵנוּ בְּאוֹר תּוֹרָתֶיךָ" זָאלְסְטוּ מִיר עֶפֶענֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, "אָנוּ וְזַרְעֵינוּ וְזֶרַע זַרְעֵינוּ" פַאר מִיר, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דִי קִינְד'ס קִינְדֶער; בַּיי דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְטַאנְצְיֶע, בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת– "וְיִהְיוּ זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וַחֲסִידִים, אֲהוּבִים לְמַעְלָה וְנֶחְמָדִים לְמַטָּה", מֶעגְסְט לָאזְן אַ טְרֶער בַּיי דִי תְּפִילָּה, אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְד'ס קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע בַּאלִיבְּטֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

## מְ'זִינְגְט זְמִירוֹת

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנוּכָּה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג– "יְמֵי הוֹדָאָה", זֶענֶען טֶעג פוּן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אוּן דָאס אִיז דִי פַארְגֶענִיגְן פוּן עוֹלָם הַבָּא.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט זָאלְסְטוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת – "הַנֵּרוֹת, מָעוֹז צוּר וְכוּ', וִיהִי נוֹעַם אוּן יֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן, לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינֹת מִזְמוֹר שִׁיר אֱלֹקִים יְחָנֵּנוּ וִיבָרְכֵנוּ, מִזְמוֹר שִׁיר חֲנֻכַּת הַבַּיִת לְדָוִד, רַנְּנוּ צַדִּיקִים, הַלְלוּיָ-הּ אוֹדֶה ה', הַלְלוּיָ-הּ אַשְׁרֵי אִישׁ, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד הִנֵּה מַה טּוֹב, מִזְמוֹר לְתוֹדָה, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי ה', הַלְלוּיָ-הּ הַלְלוּ אֵ-ל בְּקָדְשׁוֹ", נָאכְדֶעם פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ זִינְגֶען דִי שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק "יְדִיד נֶפֶשׁ", מִיט "אֵ-ל מִסְתַּתֵּר" אוּן "אוֹר הַגָּנוּז בְּלוּבֶן הַמַּחְשָׁף", אוּן דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה

פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט חֲנוּכָּה, אוּן וֶוען אֵייעֶר מַאן צִינְדְט דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר נִישְׁט טוּן קַיין מְלָאכוֹת, זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זָאגְט לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים פַאר אֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן

<<<<<<

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

יד. כָּל זְמַן שֶׁתּוֹכָחָה בָּעוֹלָם, נַחַת רוּחַ וְטוֹבָה וּבְרָכָה בָּאִין לָעוֹלָם. ווִי לַאנְג עֶס אִיז דָא מוּסָר אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט אוֹיף דִי וֶועלְט נַחַת רוּחַ, טוֹבוֹת, אוּן גוּטֶע בְּרָכוֹת.

טו. עַל יְדֵי תּוֹכָחָה, נִמְתָּק הַדִּין וְנִמְשָׁךְ הַחֶסֶד. דוּרְכְ'ן זָאגְן מוּסָר, וֶוערְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי דִינִים, אוּן עֶס קוּמְט חֲסָדִים.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז בָּרוּךְ ה' גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִּין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַּׁת לֵוִי" זי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִּיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִּיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶּער אַ 'צַדִּיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִּיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶּער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶערֶךְ הַטֶּבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֶוענִיגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶערֶךְ הַטֶּבַע, אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רלא)

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט צוּ רֶבִּי נָתָן, "אַבִּיסְל וֵוייסְטוּ שׁוֹין פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר, אָבֶער נָאךְ מֶער דַארְפְסְטוּ גְלֵייבְּן אִין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר, וָואס מֶען וֶועט זֶען וֶוען עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דוּרְךְ וֶועמֶען עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן", דָאס הֵייסְט דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זַיין מִיוֹצְאֵי חֲלָצָיו.

דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעזֶעצְט אוּן גֶעזָאגְט, "מֶען הָאט דָאךְ גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְט סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע סֵפֶר קוּמְט אָן צוּ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן", דֶער רֶבִּי הָאט עֶרְקְלֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן וִוי שְׁטַארְק עֶר דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְזַכֶּה צוּ זַיין אַזוֹיפִיל אִידְן מִיט דֶעם הֵיילִיגְן אוּן פָארְכְטִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט וָואסֶערֶע גְרוֹיסֶע חֵלֶק רֶבִּי נָתָן הָאט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, "טַאקֶע גָאר", דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה זַיין פַאר רֶבִּי נָתָן, וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס רֶבִּי נָתָן גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט דֶעם, וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט אֵיין בְּלֶעטְל פוּן זַיינֶע סְפָרִים, דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "יֶעדֶער פוּן אַייךְ הָאט אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק אִין מַיין תּוֹרָה, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶער גְרֶעסְטֶער חֵלֶק; אִיר וֵוייסְט דָאס, וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט אֲפִילוּ קַיין אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת".

אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִינֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י"ג) אַז דִי תּוֹרָה וֶוערְט דוּרְךְ דִי מְקוּרָבִים וָואס קוּמֶען צוּם צַדִיק.

**תשעו**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְלוֹיבְּן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זַיין תּוֹרָה פוּן גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ פוּן וואו קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶענוּמֶען. דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיינֶע תּוֹרוֹת, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דֶער עוֹלָם הָאט מִיר אֲפִילוּ נָאכְנִישְׁט פַארְזוּכְט, וֶוען זֵיי זָאלְן נָאר הֶערְן פוּן מִיר אֵיין תּוֹרָה, מִיט אִיר נִיגוּן אוּן מִיטְ'ן טַאנְץ, וָואלְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט, "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט?", הָאט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "וָואס מֵיינְסְטוּ? אֲפִילוּ דִי חַיוֹת אוּן דִי גְרָאז, מַמָשׁ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶעס וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אִיר, אַלֶע וָואלְטְן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע פַארְגֶענִיגְן וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן".

"וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט צוּ אַ נִיגוּן אוּן צוּ אַ טַאנְץ, קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין; פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אַ שֵׁיינֶעם נִיגוּן, וֶוערְט זַיין הַארְץ אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּם נִיגוּן, מִיט יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּנֶעם לִיד וֶוערְט דִי הַארְץ מֶער אוּן מֶער נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט צוּם נִיגוּן, לוֹיט וִוי גוּט דֶער נִיגוּן אִיז, לוֹיט וָואסֶערֶע כֹּחַ דֶער נִיגוּן הָאט צוּ בַּאצוֹיבֶּערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. וֶוען עֶס גֵייט אָבֶער נָאךְ וַוייטֶער, אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען שֵׁיין טַאנְצְן, עֶר קֶען אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם טַאנְץ אוֹיף אַ וֶועג אַז דֶער טַאנְץ זָאל זַיין מַמָשׁ אֵיינְס מִיטְ'ן נִיגוּן, דָאס הֵייסְט אַז זַיין קֶערְפֶּער זָאל זִיךְ רוּקְן מַמָשׁ לוֹיט דִי תְּנוּעוֹת פוּנֶעם נִיגוּן, בַּיי דֶעם תְּנוּעָה דַארְף מֶען שָׁאקְלֶען דֶעם קָאפּ, בַּיי יֶענֶעם תְּנוּעָה דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְבֵּייגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט אַלֶע גְלִידֶער אוּן מִיט דִי פִיס, אַז מֶען מַאכְט דֶעם טַאנְץ, מֶען רוּקְט דֶעם קֶערְפֶּער אוּן דִי פִיס מַמָשׁ לוֹיט דִי תְּנוּעוֹת פוּנֶעם נִיגוּן, אִיז דָאס גָאר שֵׁיין. אָבֶער עֶס קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוֹיבּ זִינְגְט מֶען אוֹיךְ וֶוערְטֶער מִיט דֶעם נִיגוּן, אוּן דֶער לִיד אוּן דִי וֶוערְטֶער שְׁטִימֶען מַמָשׁ אוֹיף דִי הָאר

<<<<<<

<<<<<< א ליכטיגע חנוכה

נָאר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, נָאר פְרֵיילִיךְ, אַרוֹיס מִיט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

## עֶס גֵייט לִינְקְס

דִי מְנוֹרָה לֵייגְט מֶען אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט פוּנֶעם טִיר, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז לִינְקְס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ לִינְקְס, וִוי אַ דוּרְכְפַאל – בְּרֶענְט דָארְט אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט, דַיְקָא דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן דִי אוֹר הַגָנוּז, דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אוּן דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מָשִׁי"חַ: מְ'זוּזָה, יְ'מִין, חֲ'נוּכָּה, שְׂ'מֹאל; אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט דִי אֱמוּנָה, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז, אוּן חֲנוּכָּה מִשְּׂמֹאל, אֲפִילוּ עֶס אִיז לִינְקְס, דִינִים, עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג– גַם שָׁם נִמְצָא ה' יִתְבָּרַךְ.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער בַּאנֵיי זִיךְ, זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דַיין מְזוּזָה, מִיט דַיין צִיצִית, זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי אֱמוּנָה, בַּאנֵיי זִיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, זֶעץ זִיךְ אַרַיין אִין אַ שׁוּל, פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, זַיי גוֹרֵס ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִיט אַ יוֹם תְּהִלִים, מִיט בַּיִת נִצְחִי [אַ דַף בַּ'בְלִי, אַ דַף יְ'רוּשַׁלְמִי, אַ פֶּרֶק תּ'וֹסֶפְתָּא, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִת], נָאכְדֶעם גֵיין אִין אָפִיס, דִי גַאנְצֶע טָאג וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דָאס מֵעִיד, אַלֶעס גֵייט גְרִינְגֶער נָאכְן לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

## דַאנְק אוּן לוֹיבּ

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְן מִיר דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה; זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט אוּן דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאל שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט; דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, מִיט דִי תַּלְמִידִים, מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

(שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סֵפֶר הַקָדוֹשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וַיֵשֶׁב תשפ"ו)

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים בַּאגְלֵייט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז גֶעוֶוען וִוי זַיין תַּלְמִיד אוּן חָבֵר, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים בַּאגְלֵייט בִּיז צוּם יַם, אוּן דָארְט הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּרִיק גֶעשִׁיקְט, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף בְּלַייבְּן אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי אָרְטִיגֶע אִידְן, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן.

רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע וִויטֶעפְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אֱמֶת'דִיגֶע שִׁפְלוּת אוּן עֲנִיווּת, כָאטְשׁ וָואס עֶר פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, עֶר פְלֶעגְט גֵיין מִיט בְּכָבוֹד'יגֶע גָאלְדֶענֶע קְלֵיידֶער, הָאט עֶר זִיךְ אָבֶער אַלְץ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן "הַשָּׁפָל בֶּאֱמֶת".

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּן נָאכְאַלְץ זַיין בַּיי זִיךְ אַ שָׁפָל בֶּאֱמֶת, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה אֵיינְס מִיטְ'ן אַנְדֶערְן. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ס"ג)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

מִיט דִי תְּנוּעוֹת פוּנֶעם נִיגוּן, דִי פַאלְן פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט גֶענוּג לוֹיט דִי נָאטְן פוּנֶעם לִיד; וֶוען דִי אַלֶע דְרֵיי זַאכְן זֶענֶען צוּזַאמְגֶעשְׁמָאלְצְן אִינְאֵיינֶעם, וֶוען מֶען הֶערְט אַזַא לִידְל וָואס אִיז פוּנְקְטְלִיךְ גֶעגָאסְן מִיט דִי וֶוערְטֶער דֶערוֹיף, אוּן וֶוערְט גֶעטַאנְצְן אוֹיךְ פוּנְקְטְלִיךְ אוֹיפְ'ן זֶעלְבְּן רִיטֶעם, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג אוּן הַנָאָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, מֶען קֶען מַמָשׁ אוֹיסְגֵיין מִיט כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ פוּן דֶעם פַארְגֶענִיגְן, וֶוער עֶס הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט מִיטְגֶעלֶעבְּט, וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס מֵיינְט אַן הַנָאָה אוֹיף דֶער וֶועלְט".

"נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר אֲפִילוּ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה צוּ דֶעם, 'מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת, יֹאכַל בְּשַׁבָּת (עֲבוֹדָה זָרָה ג'.)', וֶוער עֶס הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אַרוּם אוּן הַאלְטְן דָאס מִיט, וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, זֵיי שְׁפִּירְן נָאר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גְלוּסְטֶענִישׁ אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַנָאָה, זֵיי פִילְן וִוי זֵיי גֵייעֶן אוֹיס פוּן גְרוֹיס פַארְגֶענִיגְן, אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט אוּן זִינְגְט דִי וֶוערְטֶער אוּן טַאנְצְט צוּ דֶעם אַזוֹי שֵׁיין".

"וִוי נֶענְטֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, וִוי מֶער מְקוֹרָב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוערְט בַּיי אִים דִי אַלֶע תְּנוּעוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי אִין דִי מָשָׁל פוּנֶעם נִיגוּן מִיטְ'ן טַאנְץ, וִוי נֶענְטֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוּן וִוי מֶער עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶערְצוּ, אַלְץ מֶער הוֹיבְּט עֶר אָן אוֹיטָאמַאטִישׁ צוּ טוּן דִי אַלֶע תְּנוּעוֹת, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרֵיינְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן אִין אַ נִיגוּן אוּן טַאנְץ, וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיין אָנְהוֹיבְּן מִיטְצוּזִינְגֶען אוּן זִיךְ מִיטְצוּשָׁאקְלֶען לוֹיטְ'ן טַאקְט פוּנֶעם נִיגוּן; דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דֶעם וָואס אִיז מֶער מְקוֹרָב צוּ דִי קְדוּשָׁה, וִוי נֶענְטֶער עֶר אִיז צוּם תּוֹרָה, מִיטְ'ן נִיגוּן, אוּן מִיטְ'ן טַאנְץ, אַלְץ מֶער הוֹיבְּט עֶר אָן אוֹיטָאמַאטִישׁ מִיטְצוּטַאנְצְן, צוּ וֶוערְן מֶער הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ספר ארך אפים ווערט פריש איבערגעדרוקט

עס איז א געוואלדיגע שמחה אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, גייט יעצט פריש איבערגעארבעט און איבערגעדרוקט ווערן דער הייליגער ספר "ארך אפים" אויף אידיש, די ערשטע מאל וואס מען מאכט עס שיין מיט אן הארטן דעקל.

דער הייליגער ספר האט אן אינטערעסאנטע געשיכטע אונטער זיך; מוהרא"ש האט אנגעהויבן שרייבן זיין ערשטן ספר "שמירת הזמן". און שרייבנדיג איין פרק נאכ'ן אנדערן, האט מוהרא"ש אנגעהויבן שרייבן א פרק אינעם ספר אויף דעם ענין פון "סבלנות". מוהרא"ש האט אנגעהויבן שרייבן דעם פרק איין נאכט, אבער דאס שרייבן האט זיך פארצויגן אויך צום קומענדיגן טאג און דערנאך צום פאלגנדן נאכט, ער האט נאר מפסיק געווען פון שרייבן בלויז צום דאווענען. ווען דער "פרק" איז פארטיג געווארן, דערציילט מוהרא"ש, האט ער געזען אז ס'איז געווארן פון דעם א גאנצער ספר, האט ער באשלאסן עס ארויסצוגעבן אלס א באזונדערער ספר וואס ער האט א נאמען געגעבן "ארך אפים".

איין וועג צו זען די גרויסקייט פונעם ספר קען מען זען פון דעם וואס דער ס"ם האט אין יענע צייט אויפגעקאכט א גאנצע קאשע קעגן מוהרא"ש. בשעת יעדער וואס לערנט דעם ספר וועט נישט קענען פארשטיין, וואס קען זיין שלעכט מיט דעם ספר? וואס קען מען קריגן דערויף? ווער וויל נישט קיין עצה צו האבן סבלנות? ווער וויל נישט א וועג צו זיין אן ערליכער איד? אבער פון די אנדערע זייט קען מען עס יא פארשטיין, ווייל דער ספר איז ממש "ביטול הבחירה". עס איז מעורר צו תשובה, עס רעדט גראד צום נשמה פון א איד, און איז מחזק א מענטש ער זאל וויסן און געדענקען אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אויבערשטן. און דאס קען דער ס"ם נישט פארנעמען.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז מקורב געווארן האט ער דורכגעלערנט דעם ספר. דער ראש ישיבה שליט"א איז זייער נתעורר געווארן דערפון, ער האט געזען ווי דער ספר איז בכח צו טוישן א מענטש, ער זאל קענען אנהייבן פון פריש ווערן אן ערליכער איד, און דעריבער האט דער ראש ישיבה שליט"א דעמאלט איבערגעטייטשט דעם ספר אויף אידיש. מען האט עס דאן תיכף ארויסגעגעבן אין א שנעלקייט, מיט א צייטווייליגן פאפירענעם דעקל.

נאכדעם וואס גאר אסאך האבן געבעטן אז מען וויל האבן דעם ספר, האט זיך די קרן הדפסה אריינגעלייגט אינעם גרויסן פראיעקט עס גענצליך איבערצומאכן פון פריש. מען ארבעט גענצליך איבער דעם ספר פריש, און מ'גייט עס ארויסגעבן יעצט שיין פראכטפול מיט אן הארטע דעקל צום ערשטן מאל.

יעצט איז דא די זעלטענע געלעגענהייט צו קויפן זכותים אינעם ספר. דער זכות מהדורה איז שוין פארקויפט געווארן, מו"ה מרדכי היימליך הי"ו האט זוכה געווען אפצוקויפן דעם זכות, און עס ווערט גערופן אויף זיין נאמען "מהדורת היימליך", וואס דער זכות וועט אים זיכער ביישטיין.

עס זענען נאך אבער געבליבן גרויסע זכותים אינעם ספר. מען קען קויפן א "פרק" אינעם ספר פאר'ן סכום פון $1,200, און אפילו די מיעוטי יכולת וועלן נישט נעמען וויניגער פון א "זכות בספר" פאר $500, און מיט דעם מאכן די בעסטע אינוועסטמענט מיט די געלט, זיך איינקויפן א זכות לעד ולנצח נצחים.

צו קויפן זכותים קען מען רופן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויפ'ן טעלעפאן נומער 347-578-4449.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם משה שטראסער** שליט"א קרית ברסלב
מנהל מוסדות היכל הקודש ברסלב
צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב
החתן **ישעי' שטראסער** הי"ו
עב"ג בת מו"ה **אהרן וועבערמאן** שליט"א קרית ברסלב
גבאי מוסדות היכל הקודש ברסלב בארץ הקודש

***

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו דזשערסי סיטי
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **חיים ישראל אפפעלבוים** הי"ו וויליאמסבורג
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו דזשערסי סיטי
צו די אפשערן פון זיין זון **אליעזר שלמה** נ"י למזל טוב

## א פרייליכן חנוכה

שיעורים און דרשות, גמרא און הלכה,
מעשיות און ניגונים, הדלקת נרות חנוכה, און
נאך פיל, זיך צוצוגרייטן צו א פרייליכן חנוכה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**